**גוט שבת אלע אידן.** ר׳ הלל לוי (נישט זיין עכטע נאמען) איז א ספרדישער איד פון ניו יארק וואס איז אמאל געווען אויף א באזוך אין ארץ ישראל. איין נאכט איז ר׳ הלל געגאנגען ערגעץ מיט זיין זון וואס האט געוואוינט אין ארץ ישראל. זיין זון האט געוואלט דאווענען מעריב, איז ער אריינגעגאנגען אין א שטיבל בשעת ר׳ הלל איז געבליבן אין דרויסן ווייל ער האט שוין געדאווענט.

בשעת ר׳ הלל האט געווארט אויף זיין זון אין דרויסן, איז געקומען צום שטיבל אן עלטערער איד מיט א לאנגע בארד און א שטעקן. יענער איד האט ממש אויסגעקוקט ווי א צדיק. ער האט אויסגעזען אז ער איז אין זיינע הויכע ניינציגע יארן. דער אלטער איד האט געפרעגט ר׳ הלל אויב ער ווייסט אויב א מנין מעריב האט זיך יעצט געשטעלט אין דעם שטיבל.

״מיין זון איז יעצט אריינגעגאנגען אין דעם שטיבל, דער מנין האט לכאורה נאר יעצט אנגעהויבן.״ דער עלטערער איד׳ס פנים האט זיך אויפגעלאכטן הערענדיג וואס ר׳ הלל האט געזאגט. ער איז שטאטליך אריינגעגאנגען אין דעם בנין, נאר ארויסצוקומען אפאר מינוט שפעטער.

״צוריק אזוי שנעל?״ האט ר׳ הלל געזאגט צו דעם איד. ״וואס איז געשען...״

״איך האב שוין פארפאסט קדיש מיט ברכו,״ האט דער עלטערער איד געזאגט. ״אבער, זיי האבן דא כסדר מנינים ביז עלעוו אזייגער. איך גיי פשוט ווארטען ביז דעם נעקסטען מנין.״

בשעת דער עלטערער איד האט גערעדט, האט ר׳ הלל מרגיש געווען אז דער איד רעדט אזוי ווי א מענטש וואס קומט פון פרס (פערדשזע). וויבאלד אז ר׳ הלל האט געקענט רעדן פערדשזאיש, האט ר׳ הלל אנגעהויבן טאקע צו רעדן פערדשזאיש מיט דעם איד.

דער עלטערער איד איז געווארן איבערראשט און ער האט געזאגט צו ר׳ הלל, ״דו ביסט פערדשזאיש?״ ״ניין, באמת קומען מיינע עלטערן פון סוריה. איך וואוין יעצט אין אמעריקע.״

״אה... איך בין געווען א שטיק צייט אין ניו יארק אמאל...״ האט דער איד געזאגט טראכטענדיג. ״עס איז געווען בערך פינף און דרייסיג יאר צוריק, איך האב געדאווענט דעמאלט אין דער שערי ציון שול.״

ר׳ הלל האט אלעס צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס. ער אליינס האט געדאווענט אין דעם שערי ציון שול וואס איז געווען א סוריה׳אישע שול, פאר אסאך יארן. ״איך האב דארט א חבר...״ האט דער עלטערער איד געזאגט. ר׳ הלל איז געווארן נייגעריג. ״אמת׳דיג? ווער איז דיין חבר?״

״ר׳ הלל לוי!״ האט יענער איד געזאגט. ר׳ הלל האט נישט געקענט גלייבן וואס ער הערט. ער האט גוט אנגעקוקט דעם איד, אבער ער האט אים בכלל נישט דערקענט. צוריקהאלטענדיג זיין ערשטוינונג, האט ר׳ הלל געפרעגט דעם איד, ״ווי אזוי קענט איר דעם ר׳ הלל לוי?״

״איך בין געווען אין אמעריקע פאר א הארץ אפעראציע, און ר׳ הלל לוי האט מיך זייער שטארק געהאלפן.

עפעס איז נתעורר געווארן אין ר׳ הלל׳ס זכרון. ״וואס איז דיין נאמען?״ האט ר׳ הלל געפרעגט, האפענדיג אז דעם נאמען וועט אים העלפן געדענקען. ״גארדגי, מיין נאמען איז גארדגי.״

יא, ער איז עס... גארדגי! יעצט האט ר׳ הלל אים געדענקט. יענער מענטש, א טאטע פון פערצען קינדער, איז געקומען פון ארץ ישראל זיך צו מייעץ זיין מיט א מומחה פראפעסאר אין ניו יארק וועגן זיין הארץ פראבלעמען. גארדגי האט נישט געהאט קיין אינשורענס און אויך נישט קיין געלט צו באצאלן דעם דאקטור. דער דאקטור האט נישט געהאט קיין רחמנות אויף דעם איד און ער האט אים אוועקגעשיקט זאגענדיק אז ער וועט נישט מאכן די אפעראציע, אפילו גארדגי האט געמוזט עס האבן, טאמער דער איד גייט נישט באצאלן פופציג טויזענט דאלאר!

ווען ר׳ הלל האט געהערט וועגן דעם מצב, האט ר׳ הלל זיך אינטערגענומען צו צוזאמענעמען דעם געלט. פאר צוויי וואכן, טאג און נעכט אין דעם קאלטען ווינטער איז ר׳ הלל ארומגעגאנגען צו חברים, שכנים, און צו פרעמדע אויך, בעטן געלט פאר די אפעראציע. ווען ער האט סוף כל סוף געהאט דעם גרויסע סומע געלט, איז ער געגאנגען צו דעם דאקטור׳ס אפיס וואו ער האט פערזענליך איבערגעגעבן דעם געלט צום דאקטור. ״דא האסטו דעם געלט...״ האט ער געזאגט בשעת ער האט אראפגעלייגט א ריזיגע זעקל געלט אויף דעם טיש, יעצט זאלט איר ביטע מאכט די אפעראציע!״ דער דאקטור האט גערופן פיר נוירסעס וואס האבן געציילט דעם געלט. ר׳ הלל האט צוגעקוקט זען ווי זיי האבן טאקע געציילט יעדע פרוטה. דער דאקטור האט געשמייכעלט און גלייך דערנאך האט ער געמאכט די אפעראציע. ב״ה אז די אפעראציע האט מצליח געווען.

״הרב גארדגי!״ האט ר׳ הלל געזאגט מיט גרויס התרגשות אין זיין שטימע. ״איך בין הלל לוי!״ ער האט אנגעכאפט רב גארדגי׳ס האנט און ער האט עס געקושט, (אזוי ווי די דרך איז פון די ספרדים.) ״קענט איר מיך געבן א ברכה?״ האט ר׳ הלל אים געפרעגט.

״הלל בן רבקה,״ האט דער איד גארדגי אים געענטפערט מיט אן ערנסטקייט. ״עס איז נישט דא קיין צורך דיך צו בענטשן יעצט... ווייל יעדען טאג פאר די לעצטע פונף און דרייסיג יאר (זייט די אפעראציע) האב איך געדאווענט פאר דיך. יעדען טאג שטיי איך אויף און זאג, ״השם, ביטע בענטשט הלל בן רבקה!״

ר׳ הלל האט געוויינט פון התרגשות, און די צוויי אידן האבן זיך ארומגענומען דעם צווייטן פון גרויס ליבשאפט.

ר׳ הלל איז זיכער געווען אז ער אליינס האט זוכה געווען צו לאנגע געזונטע יארן דורך די ברכה פון יענער איד. ווייל אין די לעצטע פאר יארן האט ר׳ הלל נעבאך געהאט אפאר שווערע תקופות, אבער, צו דעם ערשטוינונג פון די דאקטוירים האט ער ב״ה זוכה געווען צו א רפואה שלימה! ״וצדקה תציל ממות!״ (משלי י,ב)

די מדרש רעכענט פיר זאכן וואס זענען משנה די מזל פון א מענטש. איינע פון די זאכן איז ״משנה מקום,״ אזוי ווי מען האט געזען ווי דער אייבערשטער האט געהייסן אז אברהם אבינו ע״ה זאל פארלאזן זיין געבורטסשטאט. א צווייטע זאך וואס די מדרש רעכענט וואס האט א כח צו משנה זיין די מזל פון א מענטש איז מיט געבן צדקה. טאמער איינער גיבט צדקה, קען מהפך זיין גזירות און טוישן זיין מזל אין לעבן. וויבאלד אז די מידה פון אברהם אבינו ע״ה איז ״חסד,״ זאל מען אלע נתעורר ווערן, ווען מען לערנט די פרשיות פון אברהם אבינו ע״ה, צו געבן צדקה וואס איז באמת חסד. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב למוה״ר ישראל משה דירנפעלד שליט״א לרגל שמחת נישואי בנו מרדכי יהודה אברהם צבי הי״ו

מזל טוב למוה״ר אהרן יוסף ראזענפעלד הי״ו לרגל שמחת נישואי בתו הי״ו

נתרם לרפו״ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, דוב בער בן רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח״י

לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**